# זינגען די מויערן די אײביק באַוואַכטע

**א. װײפּל װעלט און װינט**

װײפּל װעלט און װינט גײט אַרויף
אויף אײנאײנציקן געזיכט?
װינציק, װי אַ טרער מיט נאָך אַ טרער.

און װאָס איז זון?
אַ מעסטל ליכט.
ניט מער.

נאָר זעט איר אַלע אויף די גאַסן
דעם מענטש, דעם שׂר
װאָס גײט און קיניגט
צװישן װאַלקן און טראָטואַר?

װאָס קאָן זײן הײליקער?
װאָס קאָן זײן שענער?

אָבער אין אונדזערע קאַמערס
פּאַטשן די טעג
מיט פֿאַרצװײפּלטע פֿליגל,
װי געבונדענע הענער.

**ב. צװײגלעך**

אָפּגעבראָכענע אונדזערע בעכט,
װי צװײגלעך פֿון אַ נאָדלבוים,
װאָס דער שוידער איז אים פֿרעמד
פֿון בליִען און פֿאַרגײן.

**ג. אויסגעליידיקט**

לאָמיר אַרויסשיקן שליחים
אויף די גרויסע לאַנד־יאַרידן
איינצוזאַמלען אַלע טריט,
אונדזערע פריִערדיקע טריט
אויף רענדלעך גילדענע פון זון,
אונטער לופטקושן פון ווינט;
אונדזערע פריִערדיקע טריט,
ווו זענען זיי אַנטרונען?

איצט זענען מיר אויסגעליידיקט,
ווי אַ קינד, וואָס זעט אין שלאָף
בערג מיט שפּיצן פּורפּורנע
שיפן זיך אויף טייכן מילך
אונטער בריקן פון שאָקאָלאַד.

---

האָט זיך אַ קאַץ אַריינגעגנבעט
דעם קינד די אויגן אויסגעשטאָכן.

**ד. איך בין קיינעם ניט מקנא**

איך בין קיינעם ניט מקנא,
סיידן דעם געזאַנג פון אַ קאַסע
פאַר נאַכט אין אַ דאָרף...
איך בין קיינעם ניט מקנא,
סיידן דעם טיפן געזאַנג
פון דער שטילקייט, וואָס יאָגט נאָך דעם גאַנג,
דעם געזונטן און פאַרפּלאָנטערטן גאַנג
פון די וואָרצלען
ביי אַ בוים.

אין דעמפּיק ברייטגראָביקן עכאָ
פון די אַקסישע געשרייען
הערט מען אַלץ נאָך יענעם קרעכץ
פון דער קינפּעטאָרין ערד,
ווען זי איז צו־קינד געגאַנגען
מיט די ערשטע שטיקער פעלד.

איך בין קיינעם ניט מקנא,
סיידן דעם פאַרקלערטן קלאַנג פון אַ קאַסע
פאַר נאַכט אין אַ דאָרף.

ה. ווינטן

איינגעבויגענערהייט איז די שטאָט אַנטרונען,
מער ווי ווינט איז בישטאָ.
טאָ ווו זאָל מען אַ שטוב געפינען
אין אַ וויינענדיקער שעה?

אַ ווינט רירט נאָר אָן די בלעטער,
פאַלן זיי אַליין אים פאַר אַ רעטער
וואָס קומט זיי פירן אין וואַרעמען לאַנד.

אַ ווינט איז פאָרט אַ ווינט,
כאָטש ער קאָן די זון ניט פאַרלעשן.
אַ קינד איז וויניקער קינד,
ווען די מאַמע איז אַרעמע וועשין.

נאָר אַז ווינטן איילן זיך און וואָיען
און זוכן ווי הונגעריקע חיות, —
גייען שטאָלצע שאָסייען, גייען פענצטער,
ווי נאָך זייערע אייגענע לוויות.

ו. משוגעים-הייזער זינגען:

דאָ זענען מיר אַנטלאָפן אַליין
זיך באַהאַלטן אונטער קראַטעס,
באַהאַנגען שווער מיט געוויין
איז די וועלט ווי מיט שמאַטעס.

אייער לעבן איז: פאַרנאַכט און באַגינען —
די גאַס האַלט בסדר אין בלוטן...
מאַמעס גייען אַראָפּ פון זינען,
קינדער שטאַרבן אָפּ ווי מיבורטן.

און טאַטעס פאַרשווינדן ווי יאָרן,
גאָר ניט אַזוי לאַנגזאַם און שטיל;
זיי זענען ניט־צייטיקער קאָרן,
אייליק געפירט צו דער מיל...

און ווו ס'פאָרט דורך דער וואָגן,
דאָרט וועט שוין ניט וואַקסן קיין גראָז.
און איר קאָנט ניט מער ווי קלאָגן,
אייער שטים צעברעכט זיך ווי גלאָז.

אייערע טעג זענען לײדיקע לעכער,
אייער גליק — פֿאַלש געניײטע קנעפּ
און ווילט איר כאַפּן די פֿאַרברעכער,
כאַפּט איר זיך אַליין פֿאַר די קעפּ...

און די נאַכט וויל זיך דווקא איבערקערן,
און אייער מוח ווי אַ משוגעת,
און איר הערט, אַז מיט די ווײַסע שטערן
ווי מיט ציין קריצט דער הימל פֿאַר כּעס.

איר ווייסט ניט וווּ לויפֿן און טראַכט:
מאין יבא עזרי, מאין?
נאָך אײדער צײַט פֿאַרראַט אײַך און לאַכט
און וויקלט זיך ווי אַ טויט אַרום קין...

כאָרכלט אין גסיסה ס׳דאָרף, און די שטאָט
זיפֿצט קראַנק־אומרײַן ווי מצורעים.
און איר קומט נאָך הילף צו אונדז, אייער גאָט,
צו אונדז, די גרויסע משוגעים.

ז. אַ וואָרט וועגן מענטשן און אַן אַלטן ספֿר
כאָטש פֿרילינג, — איז געגאַנגען אַ שניי און אַ רעגן,
איבער די זײַלן פֿון דער נאַכט האָט ווי אַ קאַץ געקלעטערט
דער טרויער און געשאָקלט אַלע וועגן.
איך בין געזעסן אַליין, אַן אַלט ספֿר געבלעטערט.

האָט אַ וואָרט איבער דורות זיך צעגלאַנצט, ווי אַ קרוין
אין מײַן שטוב, אַ שטאָלץ וואָרט כאָטש אַן אַלטס.
נאָך איך בין ניט אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טרוים
מיט זילבערנער טאַץ, מיט ברויט און מיט זאַלץ.

און ניט געגליט האָט דאָס וואָרט, ווי אַ בליץ דורך מײַן שלאָף,
און אין דער פֿרי איז עס ניט מיר צוקאָפּנס געזעסן
מיט מעסערס, מיט מעסערס אין די אויגן, אויף משפּט און שטראָף,
ס׳האָט ניט ווי שוועבל געגריזשעט אין מײַנע מעת־לעתן.

איך האָב מיטגעפֿרײלינגט אין טאַנץ פֿון דעם טאָג,
געשריבן פֿרייד מיט מײַן שטעקן אויף וואָרעמען זאַמד;
אין מײַן פֿרישטיק האָט זיך ניט אַרײַנגעטריפֿט קלאָג,
אַז צעבלוטיקטער ייִד האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט.

שווער און בלינד ווי אַ וואָלקן און טרעפט ניט צו זיין הויז;
אַז געלעכטער קרייזלט זיך אין די האָר פון די שלעגער.
אַ, מיין גאַס אַנטלויפט שנעל און קליין ווי אַ מויז,
און אין פּאַרק שטייען די ביימער ווי ביקסן פון יעגער...

ניט דער פרימאָרגן, ניט דער מיטאָג האָבן זיך ניט פאַרשעמט,
און די זון האָט זיך גאָלדיק געטורעמט אין שטאָט.
און ניט אין זון, ניט אין בוים, ניט אין מיר האָט געברענט
דאָס אַלט־ספר־וואָרט: „מענטש איז אַ שטיק גאָט"...